קהלת

קאפּיטעל א.

1 די ווערטער פון קהלת דער זוהן פון דוד קיניג אין
ירושלים : —
2 נאַרישקייט פון נאַרישקייטען — זאָגט קהלת — נאַריש־
קייט פון נאַרישקייטען ; אַלץ איז נאַרישקייט !
3 וואָס פאַר אַ נוץ איז דעם מענשען אין זיין גאַנצער
מאַטערנים, וואָס ער מאַטערט זיך אונטער דער זונן ?
4 אַ דור פאַרגעהט און אַ דור קומט אָן, און די ערד באַ־
שטעהט אייביג.
5 און עס שיינט (אַרויס) די זונן, און עס פאַרגעהט די
זונן און פון איהר פּלאַטץ צו וועלכען זי שטרעבט
דאָרטען שיינט זי (ווידער) אַרויס.
6 געהענדיג צו דרום און זיך אומדרעהענדיג צו צפון,
קרייזט זיך און געהט רונד אַרום דער ווינד, און אין
זיינע קרייזען קעהרט אום זיך דער ווינד.
7 אַלע שטראָמען געהען צום ים און דער ים ווערט ניט
פול ; פ ו ן דעם פּלאַטץ וואוהין די שטראָמען געהען,
(פון) דאָרטען קומען זיי ווידער.

8 אַלע זאַכען מיהען זיך. קיין מענש קען (עס) ניט אויס־
דריקען. ניט זאַט ווערען קען דאָס אויג זעהענדיג און
ניט פול דאָס אויער — הערענדיג.

9 וואָס איז געשעהן דאָס וועט (ווידער) געשעהן און
וואָס איז געטהאָן געוואָרען דאָס וועט (ווידער) גע־
טהאָן ווערען; און עס איז ניטאָ קיין נייעס אונטער
דער זונן.

10 פאַראַן אַ זאַך וואָס מע זאָגט (אויף איהר): אָט זעה
עס איז אַ נייעס! (און דאָך) איז עס שוין געוועזן
פון אַלטע צייטען, (און) שוין געוועזן פ אַ ר אונז.

11 (עס בלייבט ניט) קיין אַנדענקען פון די אַמאָליגע, און
פון די שפּעטערדיגע וואָס וועלען ערשט זיין, פון
זיי וועט אויך ניט בלייבען קיין אַנדענקען צווישען
די, וואָס וועלען נאָך שפּעטער זיין.

12 איך, קהלת, בין געוועזן קיניג איבער ישראל אין
ירושלים.

13 און איך האָב אָפּגעגעבען מיין האַרץ צו זוכען און צו
פאָרשען מיט קלוגהייט, וועגען אַלצדינג וואָס פּאַ־
סירט אונטער די הימלען. דאָס (אויך) איז אַ שלעכטע
באַשעפטיגונג וואָס גאָט האָט געגעבען דעם מענ־
שען'ס קינדער זיך צו באַשעפטיגען מיט איהר.

14 איך האָב געזעהן (די) אַלע זאַכען וואָס ווערען געטהאָן
אונטער דער זונן, און אַלצדינג איז בלויז נאַרישקייט
און ווינד־יאָגענים —

15 אַ פֿאַרקרימונג וואָס מע קען ניט אויסגלייכען און אַ
פעהלער וואָס קען ניט גאַנץ געמאַכט ווערען.
16 גערעדט האָב איך מיט מיין הערצען, זאָגענדיג: אָט
בין איך גרויס געוואָרען און האָב ערוואָרבען מעהר
קלוגהייט ווי איטליכער וואָס איז געווען פאַר מיר
(אַ הערשער) איבער ירושלים, און מיין האַרץ האָט
אָנגעזעהן פיעל חכמה און קענטעניס.
17 און איך האָב אָפּגעגעבען מיין האַרץ צו פאַרשטעהן
חכמה און (אויך) צו פאַרשטעהן משוגעת און נאַ־
רישקייט; איך וויים אָבער אַז דאָס אויך איז ווינד־
יאָגעניס.
18 דען אין פיעל חכמה איז פיעל פאַרדרוס, און דער וואָס
מעהרט קענטעניס מעהרט וועהטאָג.

קאַפּיטעל ב.

1 איך האָב געזאָגט אין מיין הערצען: קום לאָמיך דיך
פּרובירען מיט לוסטיגקייט, און געניסען גוטס זאָל־
סטו; אָבער דאָס אויך איז נאַרישקייט.
2 אויף לאַכען האָב איך געזאָגט: ס'איז משוגע, און אויף
לוסטיגקייט — וואָס טהוט זי אויף?
3 איך האָב געקלערט אין מיין הערצען, צו צוגעוואוהנען
צו ווייז מיין לייב (צו דער זעלבער צייט וואָס) מיין
הערץ זאָל זיך מיט חכמה אַרומפיהרען; און זיך
האַלטען אָן נאַרישקייט ביז איך וועל זעהן וועלכעס

איז דאָס בעסטע פאַר דעם מענשענ׳ס קינדער, וואָס
זיי זאָלען טהאָן אונטער די הימלען אין זייערע
געצעהלטע טעג פון לעבען.
4 איך האָב גרויסע זאַכען אויפגעטהאָן: איך האָב מיר
געבויט הייזער, איך האָב מיר געפלאַנצט וויינ־
גערטנער.
5 איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און סעדער און איך
האָב איינגעפלאַנצט אין זיי יעדען (זאָרט) פרוכט־
בוים.
6 איך האָב מיר געמאַכט סאַזעווקעס פון וואַסער, אום פון
זיי אָנצוטרינקען דעם וואַלד מיט בוימער בעוואַקסען.
7 איך האָב איינגעשאַפט קנעכט און דיענסטען, און הויז־
שקלאַפען האָב איך געהאַט; איך האָב געהאַט א
סטאַדע פון רינדער און שאָף מעהר ווי אַלע וואָס
זיינען געווען פאַר מיר אין ירושלים.
8 איך האָב מיר אויך אָנגעזאַמעלט זילבער און גאָלד און
שאַצען פון קיניגען און פון די לענדער; איך האָב
מיר איינגעשאַפט זינגערס און זינגערקעס און די
פאַרגעניגענס פון דעם מענשענ׳ס קינדער און אַלער־
ליי רייצענדע שענהייטען.
9 און איך בין געווען גרעסער און האָב מעהר ערוואָרבען
ווי איטליכער וואָס איז געוועזען פאַר מיר אין
ירושלים; אויך איז מיר מיין חכמה בייגעשטאַנען.
10 און (קיין זאַך) וואָס מיינע אויגען האָבען פאַרלאַנגט

האָב איך פון זיי ניט געמינדערט; איך האָב ניט
צוריקגעהאַלטען מיין האַרץ פון קיין לוסטיגקייט,
כדי מיין הערץ זאָל זיך אָנפרעהען מיט מיין האָרע־
וואַניע, דען דאָס איז דאָך געווען מיין (איינציגער)
טהייל פון מיין האָרעוואַניע.
11 האָב איך זיך אָבער געקעהרט צו אַלע מיינע אויפ־
טהוען, וואָס מיינע הענד האָבען אויפגעטהאָן, און
צו דער האָרעוואַניע וואָס איך האָב געהאָרעוועט
אום (דאָס) אויפצוטהאָן און — אַלץ איז נאַרישקייט
און ווינד־יאָגענים און קיין נוץ איז ניטאָ אונטער
דער זונן.
12 און געווענדט האָב איך זיך צו באַקוקען חכמה און
ס'איז משוגעת (בלויז) און נאַרישקייט; דען וואָס
(קען אויפטהאָן) דער מענש וועלכער קומט נאָך
דעם קיניג? (בלויז) דאָס וואָס מע האָט שוין פריהער
געטהאָן.
13 דאַן האָב איך איינגעזעהן אַז אַ מעלה האָט חכמה
איבער נאַרישקייט, ווי די מעלה פון ליכט איבער
פינסטערניס.
14 דער חכם האָט זיינע אויגען אין קאָפּ און דער נאַר
געהט אין פינסטערניס. אָבער איך ווייס אויך אַז
איין שיקזאַל וועט זיי אַלעמען טרעפען.
15 און איך האָב געזאָגט אין מיין האַרצען: ווי דער
שיקזאַל פון דעם נאַרען (אַזוי) וועט מיר אויך פּאַסי־

רעדן, צו וואָס דען בין איך קליגער געווען? און איך
האָב גע׳טענה׳ט מיט מיין האַרצען אַז דאָס אויך
איז נאַרישקייט.
16 דען עס בלייבט ניט קיין עראינערונג פון דעם חכם
אַזוי ווי פון דעם נאַרען — אויף אייביג; דען דאָס
אַמאָליגע וועט אין די קומענדיגע טעג אין גאַנצען
פאַרגעסען זיין. און ווי שטאַרבט דער חכם? —
גלייך ווי דער נאַר.
17 און איך האָב פיינד געקריגען דאָס לעבען, ווייל צו־
ווידער איז מיר געוואָרען די פאַסירונג וואָס פאַסירט
אונטער דער זונן; דען אַלצדינג איז נאַרישקייט און
ווינד־יאָגענים.
18 און איך האָב פיינד געקריגען מיין גאַנצע האָרעוואַניע
וואָס איך האָב אָנגעהאָרעוועט אונטער דער זונן,
אום זי איבערצולאָזען פאַר אַ מענשען וואָס וועט
קומען נאָך מיר.
19 און ווער ווייס, צי וועט ער אַ חכם זיין אָדער אַ נאַר?
און דאָך וועט ער געוועלטיגען איבער מיין האָרע־
וואַניע, וועלכע איך האָב צונויפגעהאָרעוועט מיט
מיין חכמה אונטער דער זונן. דאָס אויך איז
נאַרישקייט.
20 און איך האָב זיך איבערגעלעגט, זיך מיאש צו זיין
אין מיין האַרצען פון מיין גאַנצער האָרעוואַניע
וואָס איך האָב אָנגעהאָרעוועט אונטער דער זונן.

21 דען ס׳איז דאָ אַ מענש וואָס זיין אַרבייט איז מיט
חכמה און מיט קענטעניס און מיט פעהיגקייט, און
פאַר אַ מענשען וואָס האָט דאַרויף ניט געאַרבייט
לאָזט ער איבער זיין אייגענטהום. דאָס אויך איז אַ
נאַרישקייט און אַ גרויסער אונרעכט.

22 דען וואָס קומט אַרויס דעם מענשען פון זיין גאַנצער
האָרעוואַניע און פון דער שטרעבונג פון זיין הארצען
— וואָס ער מיהט זיך (אַזוי) אונטער דער זונן?

23 דען אַלע זיינע טעג זיינען וועהטאָגען און זיין באַשעפ־
טיגונג — פאַרדרוס; צומאָל ביינאַכט שלאָפט ניט
זיין האַרץ. דאָס אויך איז נאַרישקייט.

24 עס איז אויך ניט קיין גליק פאַר דעם מענשען ער זאָל
עסען און טרינקען און לאָזען זיין זעעל געניסען גוטס
פאַר זיין האָרעוואַניע. דאָס אויך, האָב איך געזעהן,
קומט פון גאָט׳ס האַנד.

25 דען ווער נאָך קען עסען און געניסען מעהר ווי איך
(האָב געקענט)?

26 דען דעם מענשען וואָס איז ביי איהם אָנגענומען, גיט
ער (גאָט) חכמה און קענשאַפט און פרייד; און
דעם זינדיגען גיט ער אַ באַשעפטיגונג: צו קלייבען
און צו זאַמלען (אום עס דערנאָך) אָוועגצוגעבען צו
דעם וואָס איז אָנגענומען ביי גאָט. דאָס אויך איז
נאַרישקייט און ווינד־יאָגעניס.

קאפיטעל ג.

1 אויף אלץ איז דאָ אַ טערמין, און אַ צייט פאַר יעדע אונטערנעהמונג אונטער די הימלען.
2 אַ צייט צו געבאָרען ווערען און אַ צייט צו שטאַרבען; אַ צייט צו פלאַנצען, און אַ צייט אויסצורייסען דאָס געפלאַנצטע.
3 אַ צייט צו טייטען, און אַ צייט צו היילען; אַ צייט צו ברעכען און אַ צייט צו בויען;
4 אַ צייט צו וויינען און אַ צייט צו לאַכען; אַ צייט צו קלאָגען און אַ צייט צו טאַנצען;
5 אַ צייט אוועגצוואַרפען שטיינער, און אַ צייט אויפ־צוקלייבען שטיינער; אַ צייט אַרומצונעהמען און אַ צייט זיך צוריקצוהאַלטען פון ארומנעהמען;
6 אַ צייט צו זוכען, און אַ צייט צו פאַרלירען; אַ צייט צו באַהאַלטען און אַ צייט אַוועגצוואַרפען;
7 אַ צייט צו רייסען און אַ צייט צו נעהען; אַ צייט צו שווייגען און אַ צייט צו רעדען;
8 אַ צייט צו ליעבען און אַ צייט צו האַסען; אַ צייט פאַר קריעג און אַ צייט פאַר פריעדען.
9 וואָס פאַר אַ נוץ האָט דער טהוער פון דעם וואָס ער האָרעוועט?
10 איך האָב געזעהן די באַשעפטיגונג וואָס גאָט האָט געגעבען דעם מענשענ'ס קינדער זיי זאָלען זיך מיט איהר באַשעפטיגען.

11 אַלצדינג האָט ער געמאַכט פּאַסיג פאַר דער צייט;
ער האָט אויך דאָס געהיימנים אַריינגעטהאָן אין
זייער הערץ דאמיט דער מענש זאָל ניט באַגרייפען
דאָס ווערק, וואָס גאָט האָט געמאַכט, פון אָנהויב
ביז'ן ענד.
12 איך וויים אַז עס איז ניטאָ קיין (אַנדער) גוטס פאַר
זיי ווי בלויז צו זיין פרעהליך און צו טהאָן דאָס וואָס
גוט איז, (איטליכער) אין זיין לעבען.
13 און יעדער מענש וואָס עסט און טרינקט און געניסט
גוטס פאַר זיין האָרעוואַניע — דאָס אויך איז אַ גע־
שאַנק פון גאָט.
14 איך וויים אַז אַלצדינג וואָס גאָט טהוט, דאָס וועט
זיין אייביג; דערצו איז ניטאָ וואָס צוצולעגען און
דערפון איז ניטאָ וואָס אַרונטערצונעהמען; און גאָט
האָט אַזוי געמאַכט אַז מע זאָל מורא האָבען פאַר
איהם.
15 דאָס וואָס איז שוין ג ע ו ו ע ז ע ן, א י ז, און
דאָס וואָס ד אַ ר ף ערשט זיין איז שוין ג ע ו ו ע־
ז ע ן, און גאָט זוכט (ווידער) אויף דאָס פאַר־
שוואונדענע.
16 און אויך האָב איך געזעהן אונטער דער זונן: (אין)
דעם אָרט פון גערעכטיגקייט — דאָרט איז אונ־
רעכט; און (אין) דעם אָרט פון עהרליכקייט —
דאָרט איז אונגערעכטיגקייט.

17 איך האָב געזאָגט אין מיין הארצען: (אי) דעם גערעכ־
טען (אי) דעם אונגערעכטען וועט אורטהיילען גאָט;
דען (עס קומט) דאָרטען אַ צייט פאַר יעדע טהאַט
און פאַר יעדע פאַסירונג.

18 איך האָב איבערגעטראַכט אין מיין הארצען וועגען
וואָס די מענשען זאָגען אז גאָט האָט זיי אויסגעקלי־
בען, און האָב איינגעזעהן אז זיי זיינען בלויז פיה.

19 דען דער שיקזאַל פון דעם מענשענ׳ס קינדער איז דער
שיקזאַל פון דעם פיה, און איין שיקזאַל איז זייביידען
(באַשעערט); ווי דער שטאַרבט אזוי שטאַרבט דער;
דערזעלביגער אָטהעם פון לעבען איז ביי (זיי) אַלע־
מען, און קיין אויסצייכענונג פון דעם מענשען איבער
דעם פיה איז ניטאָ. דען אַלץ איז נאַרישקייט.

20 אַלצדינג געהט צו איין פּלאַטץ; אַלץ איז געוואָרען פון
דעם שטויב און אַלץ קעהרט זיך אום צו דעם שטויב.

21 ווער ווייס? דער גייסט פון דעם מענשענ׳ס קינדער —
צי געהט ער אַרויף אויבען? און דער גייסט פון דעם
פיה — צי געהט ער אַרונטער אונטען אין דער ערד?

22 און איך האָב איינגעזעהן אַז עס איז ניטאָ קיין בעסע־
רעס, ווי וואָס דער מענש זאָל געניסען פון זיינע
אַרבייטען, דען דאָס איז זיין (איינציגער) טהייל; דען
ווער וועט איהם ברינגען (ווידער אַהער) צו זעהן
דאָס וואָס וועט געשעהן נ אָ ך איהם?

קאַפּיטעל ד.

1 און איך האָב זיך אומגעווענדעט און באַקוקט די אַלע וועלכע ווערען אונטערדריקט אונטער דער זונן: און אָט איז די טהרער פון די אונטערדריקטע וואָס פאַר זיי איז קיין טרייסטער ניטאָ; און (זיי שטעהען אוים) די טיראַניי פון זייערע אונטערדריקער׳ס האַנד, און פאַר זיי איז קיין טרייסטער ניטאָ.

2 און איך האָב גליקליכער געשעצט די טויטע, וועלכע זיינען שוין געשטאָרבען, פון די לעבעדיגע וועלכע לעבען נאָך.

3 און גליקליכער פון ביידען דעם וואָס איז נאָך ניט באַשאַפען געוואָרען, דעם וואָס האָט נאָך ניט געזעהן, די שלעכטע פּאַסירונגען וואָס פּאַסירען אונטער דער זונן.

4 און איך האָב געזעהן אַז דאָס גאַנצע מיהען זיך, און די גאַנצע פעהיגע טהעטיגקייט, זיינען (בלויז) קנאה פון איין מענשען צום אַנדערען. דאָס אויך איז נאַרישקייט און ווינד־יאָגענים.—

5 דער נאַר פאַרלעגט זיינע הענד און עסט זיין אייגען פלייש.

6 בעסער איין פולע האַנד מיט רוה עהדערביידע הויפענס פול מיט מאַטערנים און ווינד־יאָגענים.

7 און איך האָב זיך אומגעקעהרט און באַקוקט די נאַרישקייט אונטער דער זונן.

8 אָט איז דאָ איינער וואָס האָט צו זיך קיינעם ניט, צומאָל
קיין זוהן און קיין ברודער האָט ער ניט; און (דאָך)
איז קיין ענד ניטאָ צו זיין גאַנצער האָרעוואַניע, און
זיין אויג צומאָל ווערט ניט זאַט מיט רייכטהום. —
און פאַר וועמען אַרבייט איך און באַרויב מיין (איי־
גענע) זעעלע פון פאַרגעניגען? — דאָס אויך איז
נאַרישקייט און אַ שלעכטע באַשעפטיגונג. —
9 בעסער זיינען צוויי ווי איינער; דען זיי האָבען אַ גוטע
באַלויהנונג פאַר זייער אַרבייט.
10 דען אויב זיי וועלען פאַלען, וועט איינער אויפשטעלען
דעם אַנדערען; דאָך וועה צו דעם איינצעלנעם וואָס
פאַלט, ווען עס איז ניטאָ קיין צווייטער איהם אויפ־
צוהויבען.
11 אויך ווען עס שלאָפען צוויי (צוזאַמען) דאַן איז זיי
וואַרעם; אָבער דעם איינצעלנעם ווי קען וואַרעם
ווערען?
12 און ווען אימיצער זאַל בייקומען דעם איינצעלנעם,
וועלען די צוויי זיך שטעלען קעגען איהם; און דער
דרייפאַכער פאָדעם וועט ניט שנעל פונאַנדערגערי־
סען ווערען.
13 בעסער איז אַן אָרעם אינגעל און אַ קלוגער, עהדער א
קיניג אַן אַלטער און אַ נאַר וועלכער וויים ניט מעהר
ווי זיך צו היטען.
14 דען פון געפענגנים אַרוים קומט (אָפט) דער וואָס

דאַרף קיניגען; און דער וואָס איז אין קיניגטהום
געבאָרען ווערט פאַראָרעמט (אָפּט).

15 איך האָב געזעהן די אַלע לעבענדע וואָס געהען אום
אונטער דער זונן (האַלטענדיג) מיט דעם צווייטען
קינד וואָס שטעהט אויף אויף זיין פּלאַטץ.

16 עס איז ניט געוועזן קיין ענד צו דעם פאָלק — צו די
אַלע וואָס זיינען געוועזן פ אַ ר זיי; און אויך די שפּע־
טערדיגע וועלען זיך מיט איהם ניט פרעהען. און דאָס
אויך איז נאַרישקייט און ווינד־יאָגענים.

17 היט דיין פוס ווען דו געהסט אין דאָס הויז פון גאָט,
און ער וועט נעהנטער זיין דיך צו צוהערען ווי
ווען די נאַרען ברינגען אַן אָפּפער, דען זיי פאַר־
שטעהען ניט און טהוען שלעכטס.

קאַפּיטעל ה.

1 זאָלסט ניט זיין האַסטיג מיט דיין מויל, און דיין האַרץ
זאָל זיך ניט איילען ארויסלאָזען אַ וואָרט פאַר גאָט;
דען גאָט איז אין די הימלען און דו ביזט אויף דער
ערד: דרום זאָלען דיינע ווערטער זיין ווינציג.

2 אַזוי ווי אַ טרוים קומט מיט פיעל פאַסירונגען, אַזוי —
די שטים פון דעם נאַרען מיט פיעל ווערטער.

3 ווען דו וועסט מאַכען אַ צוזאָג צו גאָט, זאָלסטו זיך
ניט שפּעטיגען איהם צו באַצאָהלען; דען ער האָט
קיין געברויך ניט פאַר קיין נאַרען; וואָס דו האָסט
מנדר געווען באַצאָהל.

4 בעסער דו זאָלסט גאָר ניט מנדר זיין, עהדער דו זאָלסט מנדר זיין און ניט באַצאָהלען.

5 זאָלסט ניט לאָזען דיין מויל זינדיג־מאַכען דיין לייב; און זאָלסט ניט זאָגען פאַר דעם מלאך, אז עס איז געווען אַ פאַרזעהן: וואָרום זאָל גאָט צאָרנען אויף דיין שטים און צושטערען די ארבייט פון דיינע הענד?

6 דען אזוי ווי אין פיעל חלומות (זיינען דאָ) פיעל נאַריש־קייטען אזוי — אין פיעל רייד. אָבער האָב מורא פאַר גאָט.

7 ווען דו זעהסט אין לאַנד די אונטערדריקונג פון דעם אָרעמאַן, און די באַרויבונג פון רעכט און גערעכטיג־קייט, ניט וואונדער זיך אויף דער זאַך; דען אַ העכערער פאַסט אויף דעם הויכען, און נאָך העכערע — איבער זיי (ביידען).

8 אָבער אַ מעלה פאַר אַ לאַנד אין אלצדינג איז — אַ קיניג וואָס איז איבערגעגעבען צום לאַנד. —

9 דער וואָס האָט ליעב געלד, קען קיינמאָל ניט זאַט ווער־רען מיט געלד; און דער וואָס האָט ליעב רייכטהום — קיינמאָל ניט מיט (זיין) איינקונפט. דאָס אויך איז נאַרישקייט.

10 דען וואָס מעהר דאָס גערעטעניס אַלץ מעהר זיינען די וואָס פאַרצעהרען עס; און וואָס פאַר אַ נוץ האָט דער

אייגענטהימער? — בלויז דאָס זעהענים פון זיינע
אויגען.
11 זיס איז דער שלאָף פון דעם אַרבייטער, צי ער האָט
ווייניג צי פיעל געגעסען; און דעם רייכענ׳ס זעטיג־
קייט לאָזט איהם ניט שלאָפען.
12 עס איז פאַראַן אַ בייזע פּלאָג וואָס איך האָב געזעהן
אונטער דער זונן: רייכטהום וואָס ווערט געהאַלטען
פאַר דעם אייגענטהימער צו זיין (אייגענעם) שאָדען.
13 און דאָס רייכטהום ווערט פאַרלאָרען אין אַ שלעכטער
אונטערנעהמונג; און אַ זוהן ווערט ביי איהם געבאָ־
רען און ער האָט גאָרניט אין זיין האַנד.
14 אַזוי ווי ער איז אַרויס פון זיין מוטער׳ס לייב —
נאַקעט וועט ער צוריקגעהן, אַזוי ווי ער איז געקו־
מען; און גאָרניט וועט ער קענען נעהמען פאַר זיין
האָרעוואַניע אום אַוועקצוטראָגען אין זיין האַנד.
15 און דאָס אויך איז אַ בייזע פּלאָג: אַזוי ווי ער איז
געקומען אַזוי געהט ער אַוועק. און וואָס פאַר אַ נוץ
האָט ער, וואָס ער האָט געאַרבייט פאַר׳ן ווינד?
16 דען אַלע זיינע טעג האָט ער אין פינסטערניס פאַר־
צעהרט, און פיעל זיך געערגערט, און קראַנקהייט
האָט ער געהאַט און פאַרדרוס.
17 אָט וואָס איך האָב איינגעזעהן: דאָס ריכטיגע גליק
איז צו עסען און צו טרינקען און צו געניסען פאַרגע־
ניגען פאַר די מיה וואָס ער מיהט זיך אין די גע־

צעהלטע טעג פון לעבען, וואָס גאָט האָט איינעם
גענעבען; דען דאָס איז זיין (איינציגער) טהייל.
18 און יעדער מענש וואָס גאָט האָט איהם געשאָנקען
רייכטהום און גיטער און האָט איהם געגעבען די
מעגליכקייט צו געניסען דערפון און צו נעהמען זיין
טהייל, און זיך פרעהען מיט זיין האָרעוואַניע —
דאָס איז אַ געשאַנק פון גאָט.
19 זאָל ער געדענקען אַז ניט פיעל זיינען די טעג פון זיין
לעבען, און אַז גאָט האָט עס איהם באַשעערט די
פרייד פון זיין הערצען.

קאַפּיטעל ו.

1 עס איז פאַראַן אַ פּלאָג וואָס איך האָב געזעהן אונטער
דער זונן, און זי איז פאַרשפרייט צווישען די מענשען:
2 אַ מאַן וועלכען גאָט האָט געגעבען רייכטהומער און
גיטער, און עהרע, און קיין זאַך פון אַלצדינג וואָס
ער געלוסט פעהלט ניט זיין זעעל: אָבער גאָט האָט
איהם ניט געגעבען די מאַכט צו געניסען דערפון, נאָר
אַ פרעמדער פאַרצעהרט עס; דאָס איז אַ נאַרישקייט
און אַ בייזע קריינק.
3 ווען אַ מאַן זאָל האָבען הונדערט (קינדער), און לעבען
פיעל יאָהרען — וויפיעל די טעג פון זיינע יאָהרען
זאָלען ניט זיין — אַזוי לאַנג ווי זיין זעעל האָט זיך ניט
געזעטיגט מיט גוטס און צומאָל קיין בעערדיגונג

האָט ער ניט געהאַט, זאָג איך, אַז בעסער פון איהם איז דאָס מפיל־קינד.

4 דען אָהן אַ האפּט איז עס (דאָס מפיל קינד) געקומען און אין פינסטערניס געהט עס אַוועק, און מיט פינסטערניס ווערט זיין נאָמען פאַרדעקט.

5 ער האָט צומאָל די זונן ניט געזעהן און ניט געקענט; עס האָט מעהר רוה געהאַט פון יענעם.

6 און ווען ער זאָל לעבען צוויי מאָל טויזענד יאָהר — קיין גוטס האָט ער (דאָך) ניט אָנגעזעהן. און געהט דען ניט איטליכער (אַהין) צו דעם זעלביגען פלאַטץ?

7 די גאַנצע האָרעוואַניע פון דעם מענשען איז פאַר זיין מויל; און דאָך ווערט די זעעל (דער באַגעהר) קיינמאָל ניט געזעטיגט.

8 דאָך וואָס איז די מעלה פון דעם חכם איבער דעם נאַרען? וואָס האָט דער אַ ר ע מ אַ ז, וועלכער ווייס שוין ווי אומצוגעהן מיט די לעבעדיגע?

9 בעסער דאָס וואָס די אויגען זעהען, ווי די פאָרשטעלונג פון דער זעעל. דאָס אויך איז נאַרישקייט און ווינד־יאָגענים.

10 דאָס וואָס איז שוין געוועזען איז שוין אָנגערופען געוואָרען מיט'ן נאָמען; און עס איז באַקאַנט אַז ער איז בלויז אַן ערד־מענש און קען זיך ניט האַמפּערען מיט דעם וואָס איז מעכטיגער פון איהם.

11 דען פיעל רייד פאַרמעהרען אָפט נאַרישקייטען : וואָס
פאַר אַ נוץ קומט אַרויס (דערפון) דעם מענשען ?

12 דען ווער ווייס וואָס איז גוט פאַר דעם מענשען אין
לעבען, אין די געצעהלטע טעג פון זיין נישטיגען לע־
בען, וועלכע ער פאַרברינגט ווי אַ שאָטען? דען ווער
קען זאָגען דעם מענשען, וואָס עס וועט זיין נ אָ ך
איהם אונטער דער זונן ?

קאַפּיטעל ז.

1 אַ (גוטער) נאָמען איז בעסער ווי טהייערער אויל, און
דער טאָג פון טויט — ווי דער טאָג פון געבאָרען
ווערען.
2 בעסער איז צו געהן אין אַ הויז פון טרויער עהדער אין
אַ הויז וואו ס'איז אַ מאָהלצייט ; דען דאָס איז דאָס
ענד פון יעדען מענשען ; און דער לעבעדיגער זאָל
זיך (עס) נעהמען צום הערצען.
3 בעסער קומער עהדער געלעכטער ; דען ווען דאָס
געזיכט איז באַטריבט פיהלט זיך דאָס הערץ גוט.
4 דאָס הערץ פון די קלוגע איז אין הויז פון טרויער, און
דאָס הערץ פון די נאַרען — אין הויז פון פרעה־
ליכקייט.
5 בעסער צו הערען דעם פאָרוואורף פון אַ קלוגען, עהדער
אַ מאַן זאָל זיך צוהערען צו דעם געזאַנג פון נאַרען.
6 דען אַזוי ווי דאָס קנאַקען פון דערנער אונטער אַ טאָפּ,

אַזוי איז דאָס געלעכטער פון דעם נאַרען. דאָס אויך
איז נאַרישקייט.
7 דען רויב (־געלד) מאַכט משוגע דעם קלוגען; און שוחד
פאַרדאַרבט דאָס הערץ.
8 בעסער איז דער אויסלאָז פון אַ זאַך ווי איהר אָנהויב;
בעסער אַ געדולדיגער עהדער אַ שטאָלץ־מוטהיגער.
9 זיי ניט האַסטיג אין דיינע געפיהלען, צו ווערען צאָר־
ניג; דען דער צאָרען רוהט אין דעם בוזעם פון די
נאַרען.
10 זאָלסט ניט זאָגען: ווי איז עס געוועזען, אַז די אַמאָ־
ליגע טעג זיינען געוועזען בעסער ווי די היינטיגע? דען
ניט פון חכמה האָסטו וועגען דעם געפרעגט.
11 גוט איז חכמה (צוזאַמען) מיט אייגענטהום, און זי איז
נוצליך פאַר די וואָס זעהען דאָס זונן־ליכט.
12 דען (זייענדיג) אין דעם שאָטען פון חכמה (איז מען
אויך) אין דעם שוטץ פון געלד; און די מעלה פון
קענשאַפט איז, וואָס חכמה ערנעהרט איהרע אייגענ־
טהימער.
13 באַטראַכט דאָס ווערק פון גאָט; דען ווער קען אויס־
גלייכען דאָס וואָס ער האָט פאַרקרימט?
14 אין דעם טאָג פון גליק, זיי גליקליך; און אין דעם טאָג
פון אונגליק באַטראַכט: אַז איינס קעגען דעם אַנדערען
האָט גאָט באַשאַפען, מיט דעם צוועק אַז דער מענש
זאָל נאָך איהם קיין פעהלער ניט געפינען.

15 אַלצדינג האָב איך געזעהן אין מיינע נישטיגע טעג:
פאַראַן אָפּט אַ גערעכטער וואָס געהט אונטער אין
זיין גערעכטיגקייט, און פאַראַן אַ פאַרברעכער וועל־
כער לעבט לאַנג מיט זיין פאַרדאָרבענהייט.

16 זאָלסט ניט זיין צופיעל גערעכט, און זאָלסט זיך ניט
איבריגענס קליגען; ווארום זאָלסטו זיך אַליין צו־
שטערען?

17 זאָלסט ניט זיין צו שלעכט, און זאָלסט ניט זיין קיין
נאַר: ווארום זאָלסטו שטאַרבען פאַר דיין צייט?

18 עס איז גוט דו זאָלסט זיך אָן ד ע ם האַלטען און פון
י ע נ ע ם זאָלסטו אויך ניט אָפּלאָזען דיין האַנד;
דען דער גאָטספאָרכטיגער מ י י ד ט זיי (די עקס־
טרעמען) אַלע אוים.

19 די חכמה גיט דעם חכם מעהר שטאַרקייט ווי צעהן
מעכטיגע הערשער וועלכע זיינען פאַראַן אין דער
שטאָדט.

20 דען עס איז ניטאָ אויף דער ערד אַ מענש וואָס זאָל
זיין אַזוי פרום אַז ער זאָל (אימער) טהאָן דאָס גוטע
און (קיינמאָל) ניט זינדיגען. —

21 און שענק ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו אַלע רייד
וואָס מע רעדט; זאָלסט ניט אונטערהאָרכען ווי דיין
באַדינטער שילט דיך.

22 דען פיעל מאָל, דיין האַרץ וויים עס דאָך, האָסטו אויך
געשאָלטען אַנדערע.

23 דאָס אַלץ האָב איך ערפּאָהרען דורך חכמה: איך האָב
געטראַכט, איך בין שוין קלוג; אָבער עס איז נאָך
ווייט געוועזן פון מיר —
24 אַזוי ווייט ווי עס איז (פריהער) געוועזען, און טיעף,
טיעף; ווער קען עס אויסגעפינען?
25 און איך האָב ווידער באַשלאָסען אין מיין האַרצען, צו
וויסען און צו פאָרשען און צו זוכען חכמה און אַ
רעכענונג, און צו דערגעהן די פאַרדאָרבענהייט פון
דומהייט, און נאַרישקייט און אונזינן.
26 און איך געפין אַז ביטערער פאַר'ן טויט איז דאָס
פרויענצימער, וועלכע איז (אין גאַנצען) פאַסטקעס
און איהר האַרץ (פול מיט) נעצען, און איהרע הענד
זיינען פענטעס; דער וואָס איז אָנגענומען ביי גאָט
רעטעט זיך פון איהר, און דער זינדיגער ווערט פון
איהר באַצוואונגען.
27 זעה, אָט דאָס האָב איך געפונען, זאָגט קהלת, איינס
מיט דעם אַנדערען, אום צו געפינען אַ רעכענונג,
28 וועלכע מיין זעעל זוכט נאָך אַלץ און איך האָב נאָך
ניט געפונען. איין מאַן צווישען טויזענד האָב איך
געפונען, אָבער אַ פרוי — האָב איך צווישען אַזוי
פיעל אויך ניט געפונען.
29 בלויז זעה, דאָס האָב איך אויסגעפונען: אַז גאָט האָט
דעם מענשען באַשאַפען גלייך, אָבער זיי האָבען גע־
זוכט אַ סך אויסטראַכטעניסען.

קאפיטעל ח.

1 ווער איז ווי דער חכם און ווער פארשטעהט (ווי ער)
די ערקלערונג פון אַ זאַך? — די חכמה פון אַ מענ־
שען פאַרשיינט זיין געזיכט, און די ווילדקייט פון
זיין אויסזעהן ווערט געמילדערט.
2 איך (זאָג דיר): פאָלג דעם קיניג'ס מויל, לויט די
שבועה פון גאָט (וואָס דו האָסט איהם געגעבען).
3 זיי ניט איבעראיילט ווען דו געהסט אַוועק פון זיין
געזיכט, און פאַרנעהם זיך ניט מיט אַ שלעכטער זאַך;
דען וואָס ער וויל קען ער טהאָן.
4 וואו ס'איז דאָס וואָרט פון קיניג, איז מאַכט; און ווער
קען זאָגען צו איהם: וואָס טהוסט דו?
5 דער וואָס היט דאָס געזעץ וויים ניט פון קיין שלעכטער
באַגעגענים; און דאָס הארץ פון דעם חכם וויים די
פאַסיגקייט און ריכטיגקייט (פון זאַכען).
6 דען פאַר יעדע זאַך איז דאָ אַ (פאַסיגע) צייט און אַ
ריכטיגעס געזעץ; דען דעם מענשען'ס פאַרדאָרבענ־
הייט איז זעהר שטאַרק ביי איהם.
7 דען ער וויים ניט וואָס עס ועט זיין: דען ווער זאָל
איהם זאָגען ווי עס וועט געשעהן?
8 קיין מענש קען ניט באַהערשען דעם גייסט, צוריקצו־
האַלטען דעם גייסט; און עס איז ניטאָ קיין מאַכט אין
דעם טאָג פון טויט; און עס איז ניטאָ קיין אורלויב

אין דער דאָזיגער שלאַכט; און פאַרדאָרבענהייט
וועט ניט רעטען איהרע אייגענטהימער.
9 דאָס אַלץ האָב איך געזעהן, און האָב גענומען צו מיין
הארצען אַלע געשעהעניסען וואָס געשעהען אונטער
דער זונן: עס איז דאָ אַ צייט וואָס איין מענש גע־
וועלטיגט איבער דעם צווייטען אום איהם שלעכטעס
צו טהאָן.
10 און אַזוי האָב איך אויך געזעהן, אַז פאַרברעכערס
וועלכע זיינען אַוועקגעגאַנגען פון יעדען הייליגען
פּלאַטץ זיינען באַגראָבען געוואָרען און זיינען געקו־
מען צו זייער רוה און זיי (זייערע טהאַטען) זיינען
פאַרגעסען געוואָרען אין דער שטאָדט וואו זיי האָבען
אַזוי (שלעכט) געפיהרט זיך. דאָס אויך איז אַ
נאַרישקייט.
11 דען דער אורטהייל אויף דער שלעכטע טהאַט ווערט
ניט שנעל אויסגעפיהרט; דרום דערוועגט זיך דאָס
הארץ פון דעם מענשען'ס קינדער אין זיי, צו טהאָן
שלעכטעס.
12 אָבער ווען דער זינדיגער זאָל אפילו טהאָן שלעכטס
הונדערט מאָל און ער (גאָט) זאָל איהם אַלץ נאָך
וואַרטען — ווייס איך דאָך, אַז גוט וועט זיין (בלויז)
צו די גאָטספאָרכטיגע וואָס האָבען מורא פאַר
איהם.
13 אָבער דעם פאַרברעכער וועט קיין גוטס ניט אַרויסקו־

מען, און ער וועט קיין לאַנגע טעג ניט האָבען, אַזוי
ווי אַ שאָטען; ווייל ער האָט ניט מורא פאַר גאָט.

14 פאַראַן אַ נאַרישקייט וואָס געשעהט אויף דער ערד:
וואָס עס זיינען דאָ גערעכטע מיט וועלכע עס פּאַסירט
לויט די טהאַטען פון די פאַרדאָרבענע; און עס
זיינען דאָ פאַרדאָרבענע וואָס זיי פּאַסירט לויט די
טהאַטען פון די גערעכטע. איך האָב געטראַכט: אַז
דאָס אויך איז אַ נאַרישקייט.

15 און איך לויב די לוסטיגקייט, דען עס איז ניטאָ קיין
בעסערס פאַר דעם מענשען אונטער דער זונן ווי צו
עסען און צו טרינקען און פרעהליך צו זיין; דען דאָס
איז דאָס איינציגע וואָס באַגלייט איהם, דורך זיין
פּלאָגענים אין די טעג פון זיין לעבען, וועלכע גאָט
האָט איהם געשאָנקען אונטער דער זונן.

16 ווען איך האָב אָפּגעגעבען מיין הערץ צו לערנען קלוג־
הייט, און צו באַקוקען די אַרבייט וואָס ווערט גע־
טהאָן אויף דער ערד, אַז ניט ביי טאָג און ניט ביי
נאַכט זעהט ער (אָפּט) קיין שלאָף אין זיינע אויגען
ניט —

17 האָב איך געזעהן (אין) דעם גאַנצען ווערק פון גאָט,
אַז דער מענש קען ניט אויסגעפינען די זאַכען וואָס
ווערען געטהאָן אונטער דער זונן; דען ווי דער מענש
זאָל זיך ניט מיהען זוכענדיג, וועט ער דאָך ניט געפי־

נען; און ווען דער חכם זאָל וועלען וויסען קען ער
אויך ניט געפינען.

קאַפּיטעל ט.

1 דען דאָס אַלץ האָב איך איבערלעגט אין מיין האַרצען
אום דאָס אַלץ פאַנאַנדערצוקלייבען, אַז אי די פרומע
אי די קלוגע, אי זייערע טהאַטען זיינען אין דער
האַנד פון גאָט; ניט ליעבע, ניט האַס, פאַרשטעהט
דער מענש; אַלצדינג איז זיי (די מענשען) פאָראויס
באַשטימט געוואָרען.
2 אַלצדינג פאַר אַלעמען. איין שיקזאַל פאַסירט דעם גע־
רעכטען און דעם שלעכטען, דעם גוטען און דעם
ריינעם ווי דעם אונריינעם, דעם וואָס ברינגט אָפּפער
ווי דעם וואָס ברינגט ניט קיין אָפּפער; דער גוטער
איז ווי דער זינדיגער; דער וואָס שווערט ווי דער
וואָס שרעקט זיך פאַר אַ שבועה.
3 דאָס איז דאָס אונגליק אין אַלצדינג וואָס פאַסירט
אונטער דער זונן: וואָס איין שיקזאַל איז פאַר אַלע־
מען, און וואָס דאָס האַרץ פון דעם מענשען׳ס
קינדער איז פול מיט שלעכטיגקייט און משוגעת
איז אין זייער האַרצען ביי זייער לעבען; און דערנאָך
(געהען זיי) צו די טויטע.
4 דען דער וואָס איז נאָך באַהעפטט צו אַלע לעבעדיגע,
(פאַר איהם) איז נאָך דאָ האָפענונג; יא, דעם לעבע־

דיגען הונד איז בעסער ווי דעם לייב וואָס איז טויט.
5 דען די לעבעדיגע ווייסען (כאָטש) אַז זיי וועלען
שטאַרבען; אָבער די טויטע ווייסען גאָרנישט; און
זיי האָבען מעהר קיין באַלויהנונג ניט; דען זייער
אָנדענק ווערט פאַרגעסען.
6 אי זייער ליעבע, אי זייער האַס, אי זייער קנאה ווערען
שוין פאַרלאָרען; און זיי וועלען מעהר קיינמאָל ניט
האָבען קיין אַנטהייל אין וואָס עס ווערט געטהאָן
אונטער דער זונן.
7 געה עס מיט פרייד דיין ברויט, און טרינק מיט אַ
פרעהליכען האַרצען דיין וויין, דען גאָט האָט שוין
באַוויליגט דיינע טהאַטען.
8 צו יעדער צייט זאָלען דיינע קליידער זיין ווייס; און
אויל זאָל ניט פעהלען אויף דיין קאָפּ.
9 געניס דאָס לעבען מיט דער פרוי וואָס דו ליעבסט אַל־די
טעג פון דיין נישטיגען לעבען וואָס ער (גאָט) האָט
דיר געשאָנקען אונטער דער זון — אַלע נישטיגע טעג
דיינע; דען דאָס איז דיין (איינציגער) טהייל אין
לעבען, פאַר דיין מיה וואָס דו מיהסט זיך אונטער
דער זון.
10 אַלצדינג וואָס דיין האַנד קען אויפטהון מיט דיין
קראַפט, טהו; דען עס איז ניטאָ קיין אַרבייט און
קיין רעכענונג און קיין וויסען און קיין חכמה אין
דער אונטער־וועלט וואוהין דו געהסט.

11 איך האָב ווידער געזעהן אונטער דער זון אַז ניט די
פלינקע געווינען דעם לויף, און ניט די העלדען — די
שלאַכט ; און ניט די קלוגע האָבען ברויט, און ניט
די פאַרנינפטיגע — רייכטהום, און ניט די פאַר־
שטענדיגע (געפינען) לייטזעליגקייט ; דען צייט און
צופאַל דערגרייכען זיי אַלעמען.
12 דען דער מענש וויים ניט צומאָל זיין שיקזאַל, אַזוי ווי
פיש וועלכע זיינען געפאַנגען אין דער בייזער נעץ,
און ווי פויגלעך וועלכע זיינען געכאַפּט אין אַ
פאַסטקע ; אַזוי ווי זיי, אַזוי פאַלען דעם מענשען׳ס
קינדער אַריין אין דעם בייזען שיקזאַל, ווען עס
קומט פלוצלונג אָן אויף זיי.
13 אָט די חכמה אויך האָב איך געזעהן אונטער דער זונן,
און גרוים איז זי ביי מיר (געווען) : —
14 עס איז געווען אַ קליינע שטאָדט און מענשען אין
איהר זיינען געווען ווייניג ; און עס איז אַרויפגעקו־
מען אויף איהר אַ גרויסער קיניג, און האָט זי אַרום־
גערינגעלט, און האָט געבויט אַרום איהר גרויסע
פעסטונגען ;
15 אָבער מע האָט געפונען אין איהר אַ׳ן אָרעמען קלוגען
מאַן, און ער האָט געראַטעוועט די שטאָדט מיט זיין
חכמה ; און דאָך האָט קיין מענש ניט דערמאָנט
דעם דאָזיגען אָרעמען מאַן.
16 און איך האָב געזאָגט : בעסער איז חכמה פון שטאַר־

קייט, כאָטש די חכמה פון דעם אָרעמען ווערט פאַר־
אַכטעט, און זיינע ווערטער ווערען ניט געהערט. —

17 די געלאַסענע ווערטער פון די קלוגע ווערען בעסער
צוגעהערט ווי דאָס אָנשרייען פון דעם הערשער אויף
נאַרען.

18 בעסער חכמה ווי קריגס־וואָפען; און איין זינדיגער
פאַרניכטעט פיעל גוטס.

קאַפּיטעל י.

1 טויטע פליגען פאַרשטינקען און צובלעזלען דעם
זאַלבען־קאָכער'ס טהייערען אויל — (אַזוי וועגט)
חכמה און עהרע אַריבער איין ביסעל נאַרישקייט.

2 דאָס האַרץ פון דעם קלוגען ציהט זיך צו זיין רעכטער
זייט, און דאָס האַרץ פון דעם נאַרען — צו זיין לינ־
קער זייט.

3 און אויף וועלכען וועג דער נאַר געהט, פעהלט איהם
פאַרשטאַנד, און ער זאָגט אַלעמען אויס אַז ער איז
אַ נאַר.

4 ווען עס קומט אַרויף אויף דיר דער הערשער־גייסט,
פאַרלאָז ניט דיין פּלאַטץ; מילדקייט פאַרשטיקט
גרויסע זינד.

5 איך האָב געזעהן אַ'ן אונגליק אונטער דער זון; וואָס
איז אַזוי ווי אַ פאַרזעהן וואָס כאַפּט זיך אַרויס פון
אַ הערשער'ס מויל: —

6 דער נאַר ווערט אַרויפגעזעצט אויף גרויסע הויכקייטען, און דער מאַגנאַט זיצט אין דער נידער.
7 איך האָב געזעהן קנעכט (רייטענדיג) אויף פערד, און פירסטען געהען (צו פוס) ווי קנעכט אויף דער ערד.
8 דער וואָס גראָבט אַ גרוב, פאַלט אין איהר אַריין; און דער וואָס ברעכט דורך אַ צאַהם — איהם בייסט איין אַ שלאַנג.
9 דער וואָס שלעפּט שטיינער קאַליעטשעט זיך אָן זיי, דער וואָס שפּאַלט האָלץ־פּלעקער שטעלט זיך אין געפאַהר פון זיי.
10 ווען דער אייזען ווערט שטומפּיג, און ער (דער האָלץ־העקער) האָט דעם קלינג ניט פאַרשאַרפט, דאַן מוז ער (זיינע) קרעפטען אָנשטרענגען; אָבער די מעלה פון פעהיגקייט — האָט די חכמה בלויז.
11 ווי אַ שלאַנג וואָס בייסט איין און עס העלפט ניט קיין שפּרוך — ניט בעסער פון איהר איז דער מאַן מיט דער (שאַרפער) צונג.
12 די ווערטער פון דעם קלוגען'ס מויל זיינען אַ'ן אַנציהונג; און די ליפּען פון דעם נאַרען ברינגען איהם אום.
13 די אָנהויב־ווערטער פון זיין מויל זיינען אונזינן, און דאָס לעצטע (וואָס קומט אַרויס) פון זיין מויל איז אַ בייזער משוגעת.
14 אָבער דער נאַר שיט (מיט) ווערטער. — עס וויים

ניט דער מענש וואָס עס וועט זיין; און וואָס עס ו ו ע ט געשעהן נאָך איהם, ווער זאָל עס איהם זאָגען?

15 די מיה פון דעם נאַרען פאַרמאַטערט איהם, דען ער ווייס ניט ווי צו געהן צו דער שטאָדט.

16 וועה צו דיר, דו לאַנד, וואָס דיין קיניג איז א אינגעל, און דיינע פירסטען עסען אין דער פריה.

17 וואָוהל איז דיר, דו לאַנד, וואָס דיין קיניג איז אַ קינד פון אַדעל־לייט, און דיינע פירסטען עסען אין דער צייט, (פירסטען) אין העלדישקייט, ניט (בלויז) צום טרינקען.

18 פון פוילקייט ווערט דער באַלקען צופוילט; און פון אָפּגעלאָזענע הענד — רינט דאָס הויז.

19 פון פרעהליכקייט וועגען מאַכט מען אַ מאָהלצייט, און וויין מאַכט לוסטיג דאָס לעבען; אָבער געלד פאַרשאַפט אַלצדינג.

20 אין דיין געדאַנקען צומאָל זאָלסטו דעם קיניג ניט שילטען און אין דיינע שלאָף־צימערען זאָלסטו ניט פלוכען דעם רייכען; דען דער פויגעל פון הימעל פיהרט אַוועק די שטים, און דער וואָס האָט פליגלען, וועט איבערדערצעהלען די רייד.

קאַפּיטעל יא.

1 שיק אַוועק דיין ברויט אויפ׳ן וואַסער דען נאָך (דעם פאַרלויף פון) פיעל טעג וועסטו עס צוריק געפינען.

2 צוטהייל אויף זיבען און אויך אויף אכט דען דו ווייסט
ניט, וואָס פאַר אַ'ן אונגליק עס קען קומען אויף
דער ערד.

3 ווען די וואָלקענס ווערען פול, לעדיגען זיי אוים רעגען
אויף דער ערד; און ווען עס פאַלט אַ קלאָץ צו דרום
אָדער צו צפון — אויף דעם אָרט וואו דער קלאָץ
פאַלט דאָרט וועט ער בלייבען. —

4 דער וואָס פּאַסט (נאָכאַנאַנד) אויף, אויף דעם ווינד,
וועט (קיינמאָל) ניט זעען, און דער וואָס קוקט (נאָכ־
אַנאַנד) אויף די וואָלקען — וועט (קיינמאָל) ניט
שניידען.

5 אַזוי ווי דו ווייסט ניט דעם וועג פון דעם ווינד, (און
אַזוי) ווי (דו ווייסט ניט) וואָס איז אינוועניג אין
דעם לייב פון אַ שוואַנגערער, אַזוי ווייסט דו ניט
דאָס ווערק פון גאָט, וועלכער מאַכט אַלצדינג.

6 אין פריה־מאָרגען זייה דיין זאָמען, און אין אבענד לאָז
(אויך) ניט אָפּ דיין האַנד; דען דו ווייסט ניט וועל־
כער וועט געראָטען, דער אָדער יענער, אָדערביידע
גלייך זיינען גוט.

7 זיס איז די ליכטיגקייט, און אַנגענעהם פאַר די אויגען
(איז) זעהן די זונן.

8 דען וויפיעל יאָהרען דער מענש זאָל לעבען, אַלע זאָל
ער געניסען; און זאָל ער זיך דערמאָנען אָן די פינ־

סטערע טעג; דען פיעל אַזוינע וועלען זיין. — אַלץ־
דינג וואָס פּאַסירט איז נאַרישקייט.
9 זיי לוסטיג, יונגער מאַן, אין דיין קינדהייט; און זאָל
דיך דיין הערץ דערפרעהען אין די טעג פון דיין
יוגענד; און געה אין די וועגען פון דיין האַרצען און
נאָך דעם וואָס דיינע אויגען זעהען; אָבער ווייס אַז
וועגען די אַלע זאַכען וועט דיך גאָט ברינגען פאַר
געריכט.
10 און שאַף אָפּ ערגערניס פון דיין האַרצען; און נעהם
אַוועק אונאַנגענעהמקייט פון דיין לייב; דען קינד־
הייט און יוגענד זיינען בלויז אַ הויך (וואָס פאַר־
געהט).

קאַפּיטעל יב.

1 אָבער געדענק דיין באַשעפער, אין די טעג פון דיין
יוגענד, עהדער עס קומען אָן די שלעכטע טעג און
עס נעהנטערען זיך די יאָהרען פון וועלכע דו וועסט
זאָגען: איך האָב קיין הנאה ניט פון זיי.
2 עהדער די זונן און די ליכטיגקייט און די לבנה און די
שטערען ווערען פינסטער, און די וואָלקען קומען
ווידער נאָכ׳ן רעגען;
3 אין דעם טאָג ווען עס טרייסלען זיך די וועכטערס פון
הויז, און די קריגס־לייט ווערען געבויגען און די
מאָלערס שטעהען לעדיג ווייל זיי זיינען וועניג, און
די קוקערס אין די פענסטער ווערען דונקעל;

4 און די טהירען צו דער גאַס זיינען געשלאָסען ; און ניד־
ריג איז דאָס גערויש פון דער מיהל ; און ער, דער
(מענש) שטעלט זיך אויף פאַר דעם פּיפּץ פון אַ
פויגעל ; און איינגעבויגען זיינען אַלע טעכטער פון
געזאַנג ;

5 און זיי (די מענשען) שרעקען זיך פאַר אַ (מינדסטע)
הויכקייט, און פאַר געפאַהרען אויפ'ן וועג ; און עס
בליהט זיך פונאַנאַנדער דער מאַנדעל־בוים ; און דער
היישעריק ווערט געדיכטער ; און עס הערט אויף די
ליידענשאַפט ; דען דער מענש געהט צו זיין אייביגען
היים, און די טרויערערס דרעהען זיך (שוין) אום אין
דער גאַס ;

6 עהדער עס וועט צוריסען ווערען די זילבער־שנור, און
עס וועט צוקלאַפּט ווערען דער גילדערנער בעקען,
און עס וועט צובראָכען ווערען דער קרוג ביים
קוואַל, און עס וועט צושמעטערט ווערען דער ראָד
אויפ'ן ברונען,

7 און עס וועט זיך אומקעהרען דער שטויב צו דער ערד
ווי ער איז (אַמאָל) געוועזן, און דער גייסט וועט זיך
אומקעהרען צו גאָט וועלכער האָט איהם געשאָנקען.

8 נאַרישקייט פון נאַרישקייטען, זאָגט קהלת, אַלץ איז
נאַרישקייט. —

9 און אויסער וואָס קהלת איז געוועזן קלוג, האָט ער אויך

געלערענט דעם פאָלק קענשאַפט, און געוואויגען און געפּאָרשט און פערפאַסט פיעל שפּרוך־ווערטער.

10 געזוכט האָט קהלת אויסצוגעפינען נוצליכע זאַכען; און עס איז ריכטיג אויפגעשריבען — ווערטער פון וואַהרהייט.

11 די ווערטער פון די קלוגע זיינען ווי שפּיציגע שטאַנגען; און ווי באַפעסטיגטע נעגעל — (די ווערטער פון) די מענער פון די פאַרזאַמלונגען; זיי זיינען אַלע געגעבען געוואָרען פון איין פאַסטוך. —

12 אָבער אויסער זיי, נעהם זיך אין אַכט מיין קינד: מאַכען פיעל ביכער, האָט קיין ענד ניט, און פיעל רייד איז בלויז אַ (אונניציגע) אַנשטרענגונג פון קערפּער.

13 דאָס ענד פון דער זאַך, נאָך דעם ווי אַלץ איז געהערט געוואָרען (איז): האָב מורא פאַר גאָט און היט זיינע באַפעהלען דען דאָס איז (אויף דעם באשטעהט) דער גאַנצער מענש.

14 דען יעדע טהאַט וועט גאָט ברינגען פאַר געריכט, אויך אַלצדינג וואָס איז פאַרבאָרגען, צי עס איז גוט אָדער שלעכט.